# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:56
מוצאי שב"ק....................9:26

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-ב' י"ז-י"ח
בבלי.......................כתובות כ"ד
ירושלמי.............סנהדרין כ"ב
תוספתא.........................זבים ה'
רמב"ם...........גזילה ואבידה ד'

פרשת מטות מסעי, ב' אב, אבות פרק ב', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 48 (563)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר אַךְ בְּמֵי נִדָּה יִתְחַטָּא וְכֹל אֲשֶׁר לֹא יָבֹא בָּאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בַּמָּיִם.** דִי כֵּלִים פוּן דִי גוֹיִם וָואס מְ'הָאט גֶענוּצְט אִין פֵייעֶר, דַארְף מֶען גְלִיעֶן אוּן כַּשְׁרְ'ן אַז אַ אִיד זָאל עֶס קֶענֶען נוּצְן, אוּן דִי כֵּלִים וָואס מְ'הָאט נָאר גֶענוּצְט אוֹיף קַאלְט, דַארְף מֶען טוֹבְלְ'ן אִין וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט נֶעבֶּעךְ עֲבֵירוֹת, וֶוערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַרַייְנְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל ל"ב, כ"ז) וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם, אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָבֶּער וִידּוּי דְּבָרִים, עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דוּרְךְ דֶעם גֵייעֶן אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער. מִיט דֶעם טַייטְשׁ דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, **כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ**, וֶוען דִי פֵייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס מַאכְט אִים טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, **תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר**, זָאל דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אַ פֵייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר וֶועט אָפְּגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֶמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז סְ'אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֵיין מָאל קוּמְט עֶר מִיט אַ פֵייעֶר**, עֶר צִינְדְט אָן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ פֵייעֶר פוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, **אָבֶּער אַ צְוֵוייטֶע מָאל קֶען עֶר קוּמֶען מִיט אַ קַאלְטֶע וֶועג**, עֶר קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען סַיי וִוי גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערְסִירְט אִין דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, סְ'וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט לֵייגְן תְּפִלִּין אֵיין טָאג, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְפַּאסְן אֵיין תְּפִלָּה חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט עֶר אָפְּצוּקִילְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה'.

דִי סָארְט יֵצֶר הָרַע קֶען זַיין נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע סָארְט, וַוייל וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ אוּן רֶעדְט אִים צוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, וֵוייסְט כָאטְשׁ דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג, סְ'טוּט אִים וֵויי אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט כָאטְשׁ וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן עֶר הָאט אַ הָאפֶענוּנְג אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּם קַאלְטְן יֵצֶר הָרַע, וָואס קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן **כַּאפְּט עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט אִים**, עֶס בְּרֶענְט אִים נִישְׁט זִיךְ צוּרִיק צוּ כַאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֵצָה פַאר דִי סָארְט יֵצֶר הָרַע אִיז צוּ גֵיין קֶעגְן אִים מִיט דִי זֶעלְבֶּע גֶעוֶוער וָואס עֶר נוּצְט, זִיךְ צוּ שְׁטוּפְּן צוּ טוּן וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיךְ קַאלְטֶערְהֵייט, אֲפִילוּ אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן הִתְלַהֲבוּת, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ מִיט אַ קַאלְטְקֵייט, צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כָאטְשׁ מְ'שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, אוּן אַז אַ אִיד וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ טוּן וִוי מֶער מִצְוֹת, צוּ זָאגְן וִוי מֶער וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אֲפִילוּ אָן קַיין שׁוּם טַעַם אוּן גֶעשְׁמַאק, וֶועט צוּם סוֹף זִיךְ בְּרֶעכְן דִי אַייז, עֶר וֶועט וֶוערְן אָנְגֶעוַוארֶעמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אוֹיךְ **נוּצְט פַאר דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה**, זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן יֶעדְן טָאג אִין וַואסֶער, וַוייל דֶער עִיקָּר קַאלְטְקֵייט וָואס פַאלְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט גֶעוֶוענְלִיךְ פוּן דִי פִילֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת וָואס קְלֶעבְּן זִיךְ אָן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קְלִיפּוֹת לָאזְן אִים נִישְׁט שְׁפִּירְן דִי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ אָבֶּער צוּ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וַואשְׁט דָאס אָפּ פוּן אִים דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן דַאן קֶען עֶר וֶוערְן צוּרִיק אָנְגֶעוַוארֶעמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר**, וֶוען עֶס בְּרֶענְט דִי פֵייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען דָאס הַארְץ צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִים. וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וֶוען מְ'אִיז אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעקִילְט, **וְכֹל אֲשֶׁר לֹא יָבֹא בָּאֵשׁ**, דַאן אִיז דִי עֵצָה, **תַּעֲבִירוּ בַּמָּיִם**, מְ'זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה, אוּן אוֹיךְ אַרַייְנְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת אֲפִילוּ קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין גֶעפִיל, אוּן דָאס וֶועט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז אַרַייְנְגֶעפַאלְן, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּרִיק נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מַטּוֹת מַסְעֵי תשס"ו)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אָב

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם

<<<<<<

## א גוט ווארט

נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר פוּן גָארְנִישְׁט, טְרַאכְטְס גוּט אוּן נֶעמְט דִי לֶעבְּן גְרִינְג. אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי אַרְבֶּעט; נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר, וֶוערְט נִישְׁט הִיסְטֶערִישׁ פוּן גָארְנִישְׁט, אַרְבֶּעטְס לוֹיט אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת; וִויפִיל כֹּחַ אִיר הָאט - אַזוֹי זָאלְט אִיר אַרְבֶּעטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פב) פַארְוָואס גֵייט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ פַארְקֶערְט וִוי עֶר וִויל? וַוייל עֶר וִויל עֶפֶּעס; וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט, וָואלְט מֶען גֶעוָואלְט נָאר טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם - וָואלְט אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר; דִי עֵצָה אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה פַאר אַלֶע וָואס קְרֶעכְצְן אַז עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, דָאס אִיז וַוייל זֵיי לֶעבְּן נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה; וָואלְט מֶען זִיךְ אַייְנְגֶעבּוֹיגְן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"ב)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דֶען מַיין תְּפִלִּין?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

וואוּ אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער? חִיזוּק אַרְבֶּעט שׁוֹין נִישְׁט פַאר מִיר, עֶס הָאט נָאר גֶעאַרְבֶּעט בִּיז דִי 28 יָאר, יֶעצְט וֶוען וֶוער אִיךְ שׁוֹין בַּאלְד 30 יָאר אַרְבֶּעט מֶער נִישְׁט קַיין חִיזוּק.

אִיךְ מֵיין עֶס אִיז דֶערְנָאךְ, אִיךְ זוּךְ אֶפְשָׁר אַ חֶלְקָה אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ בֵּית הַחַיִים, דִי "עֶכְטֶע בֵּית הַחַיִים", אֶפְשָׁר דָארְטְן אִיז דָא מֶער חִיזוּק פַאר מִיר.

אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין, אִיךְ וֵויים נִישְׁט צִי עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס אִיז אַזוֹי אַלֵיין וִוי מִיר, מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֵוייניגֶער וִוי אִין אַ שְׁטְרֶענְגֶע פַארְמַאכְטֶע תְּפִיסָה. אִיךְ וִויל מְזַכֶּה זַיין דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אוֹיב עֶס אִיז בִּכְלַל שַׁיָיךְ.

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז צוּלִיבּ מַיין פַארְמַאכְטְקֵייט אוּן דָאס נִישְׁט הַאלְטְן פוּן זִיךְ וַוייל אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל גֶעהַאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע, בִּין אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אָבֶּער אִיז עֶס דֶען מַיין שׁוּלְד? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיינְמָאל אַ בְּחִירָה בִּכְלַל צוּ קֶענֶען לֶעבְּן וִוי אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, יֶעצְט קֶען אִיךְ נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז "לָמָּה לִי חַיִּים", כָּל שֶׁכֵּן אַז מַיין חַיִּים אִיז נִישְׁט חַיִּים, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דָאס?

גֶעוִויסֶע מְקוּבָּלִים זָאגְן מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מַיין שׁוּלְד, עֶס אִיז מַיין מַאמֶע וָואס הָאט מִיר חָרוּב גֶעמַאכְט מַיין לֶעבְּן, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע שְׁטוּב, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֵצָה פַאר מִיר, נָאר זֵיי זָאגְן דֶעם אֶמֶת אִין פָּנִים אַרַיין. אִיךְ מֵיין נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רְאָיָ', אוֹיב אִיךְ בִּין זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג מַסְבִּיר, אַז זֵיי זֶעעֶן דִי מְצִיאוּת.

אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק מַיין תְּפִילִין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט כֹּחַ צוּ דֶעם. אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט מִיר נִישְׁט מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, מֵיין אִיךְ אַז עֶר דַארְף אוֹיךְ נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין פוּן מִיר.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵיינֶענְדִיג דַיינֶע וֶוערְטֶער דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אֵין צַעַר כְּצַעֲרוֹ שֶׁל בָּחוּר", **נִישְׁטָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא וֵוייטָאג וִוי דִי וֵוייטָאג פוּן אַ בָּחוּר**; קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. דִי לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד, עֶס פֶעלְט אִים אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ - "שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה, "בְּלֹא בְּרָכָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין בְּרָכוֹת, "בְּלֹא טוֹבָה", דֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט גוּט, "בְּלֹא תּוֹרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, "בְּלֹא חוֹמָה", מֶען לֶעבְּט אָן קַיין מוֹיעֶר, "בְּלֹא שָׁלוֹם", אָן קַיין פְרִידְן; דִי אַלֶע זַאכְן הָאט מֶען נִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָה. דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב) לֵייגְט צוּ נָאךְ זַאכְן וָואס פֶעלְט פַארְ'ן חֲתוּנָה הָאבְּן: "בְּלֹא עֵזֶר", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, "בְּלֹא כַּפָּרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַארְצֵייעֶר, "בְּלֹא חַיִּים", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים; אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען מֶעג אַרַיינְפַאלְן אִין יֵאוּשׁ, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ 'חִיזוּק הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט', עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: "חִיזוּק אַרְבֶּעט שׁוֹין נִישְׁט פַאר מִיר"; צִי דֶען הָאסְטוּ פַארְגֶעסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!" אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ - מֵיינְט דָאס אַלֶעמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט דִיר אוֹיךְ גֶעמֵיינְט.

רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז אִין קֵבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער; דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג אִין קֵבֶר אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר יֶעצְט - **אִיז דָאס נָאר אַ מָשָׁל צוּ דִי צַעַר וָואס אִיז דָא אִין קֵבֶר.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ", דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל דִיר נִישְׁט אָפְּנַארְן, "שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", אַז דֶער קֵבֶר אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועְן; דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען, עֶס קֶען זַיין מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם אָדֶער אַ פְלִיג אוּן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִירְן דֶעם בִּיס, וַוייל מֶען אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צִירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צִירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט) הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען וִויל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער וִויל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה", אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל. אַ אִיד טָאר נִישְׁט קוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען נֶעכְטְן, אָדֶער וָואס עֶר וֶועט טוּן מָארְגְן, נָאר פְּרוּבִּירְן אַרַיינְכַאפְּן "הַיינְט" וָואס אוּן וִויפִיל עֶר קֶען. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ לֶערְנֶען חֲזַ"ל פוּן דֶעם פָּסוּק, "עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה" - יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אַ צְוֵוייטֶער קֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען, נָאר פְּרוּבִּירְן וִויפִיל מְ'קֶען אַלֵיין. נָאךְ טַייטְשְׁן חֲזַ"ל דֶעם פָּסוּק "אֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אוּן דִי פֶערְטֶע זַאךְ אִיז "הַס וְאַחַר כַּךְ כַּתֵּת, לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארֶערְכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הַוַיָ"ה", וַוייל דִי חִיזוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְּרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶועןְ אִין שְׁטָאט וָואלְטְשִׁיסְק, אוֹיף דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם**

### תקל

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב.

פַאר שַׁבָּת חֲנוּכָּה הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן אִיבֶּער מֶענְטְשְׁן אוּן בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי בִּילְדֶער אוּן צוּרוֹת פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן, זֶענֶען אַלֶע אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם וָוארְט "אָדָם", וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית א', כ"ו) "נַעֲשֶׂה אָדָם", אִין דֶעם וָוארְט אִיז אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אַלֶע בִּילְדֶער פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי וֶוערְטֶער "בְּהֵמָה", "חַיָּה" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וָואס וֶוערְן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִין פָּסוּק וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אִיז אִין דֶעם אֵיינֶעם וָוארְט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אַלֶע בְּהֵמוֹת אוּן חַיוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן.

דֶער רֶבִּי הָאט לַאנְג אַרוּמְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דֶעם עִנְיָן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע חָכְמוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס מֶען קֶען לֶעבְּן מִיט דִי חָכְמוֹת אַלֵיין, אָן צוּ דַארְפְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען. אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע אוּן טִיפֶע חָכְמוֹת גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין אוּן לֶעבְּן אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם, מִיר הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן.

### תקלא

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט אִיבֶּער זַיין גְרוֹיסְקֵייט, "אִיךְ קֶען אַזֶעלְכֶע חָכְמוֹת, וֶוען אִיךְ וָואלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְזָאגְן נָאר אַבִּיסְל פוּן דִי חָכְמוֹת וָואס אִיךְ וֵוייס, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט לֶעבְּן מִיט דִי תַּעֲנוּג אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן דִי חָכְמוֹת אַלֵיין, אָן קַיין עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט בָּטֵל גֶעוָוארְן אוּן נָאר גֶעלֶעכְצְט צוּ הֶערְן מַיין חָכְמָה, מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע וואוּנְדֶערְבַּארֶע חָכְמוֹת וָואס אִיךְ וָואלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען. אִיךְ קֶען אָבֶּער נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן דִי חָכְמָה פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל אַלְץ וֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם, וִויל אִיךְ נָאר הֶערְן פוּן יֶענֶעם, אִיךְ וִויל מְקַבֵּל זַיין פוּן יֶענֶעם הוֹיכֶע זַאכְן", דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין דִי גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

### תקלב

**כ"ח כִּסְלֵיו, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער צִיבּוּר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"א, א') "וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ד), אִין וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט אַסַאךְ פוּן בִּירוּר אוּן זִכּוּךְ הַמְדַמֶּה, זִיךְ אוֹיסְצוּלַייטֶערְן דֶעם מֹחַ אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן רִיכְטִיג.**

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

<<<<<< נייעס

די וואך איז די דריטע וואך זינט מען האט געעפנט דעם נייעם אפטיילונג, און מען הערט שוין צוריק גאר גוטע גריסן פון פילע אידן וואס האבן זייער הנאה דערפון, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס ווייטער אנגיין יעדן ליל שישי.

די צוויי חשובע ברודער, מו"ה יואל הי"ו און מו"ה אברהם הערש הי"ו וועבערמאן, כאפן אינאיינעם א בליק איבער די אנטוויקלונגען וואס זענען דורכגעלאפן במשך די וואך; אידישע נייעס, וועלטליכע נייעס, און ברסלב'ע נייעס, וועלן גלייכצייטיג ברענגען זיי ארויף יעדע וואך פארשידענע פערזאנען צו הערן ערשטהאנטיגע דעטאלן און איינצלהייטן איבער די נייעסן.

די שמועסן קען מען הערן אויף קול ברסלב דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, 7 פאר פאמיליע ווינקל, און דערנאך 8 פאר די ליל שישי שמועסן.

**שמעו ותחי נפשכם!**



אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶּער אִין קֵבֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טִרְדוֹת אוּן מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאלְן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע רִיר וָואס דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֵבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערִים אוּן דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

**וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה?** דִי עֵצָה אִיז - זָאלְסְט זוּכְן אַ לֵיידִיגֶע פְלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן גֶעפוּנֶען זִיךְ נִישְׁט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן; זָאלְסְט אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, זָאלְסְט נִישְׁט מִיד וֶוערְן; זָאלְסְט דָאס טוּן טָאג נָאךְ טָאג מִיט סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דִיר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר אוּן דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, זָאלְסְטוּ מִיט עַקְשָׁנוּת וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דֶער קֵבֶר אִיז נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג, דֶער רֶבִּי אִיז אַן הָאפֶענוּנְג, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָּה - דָאס אִיז אַ בֵּית מָנוֹס, אַ פְלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן.

עַל כֵּן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, גֵיי שׁוֹין יֶעצְט אִין אַ לֵיידִיגֶע פְלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ. וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן טַעֲנָה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּק וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לֹא בָעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִידוּנוּן בֵּינָנָא", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר - וִויל אִיךְ נִישְׁט בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", אִיךְ וִויל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענִיגְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ וִוינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַ צֶעבְרָאכֶענֶע הַארְץ שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק.**

דוּ בִּיסְט אִין כַּעַס אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי וֶועט דִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן. גֶעדֶענְקְסְט אַוַדַּאי דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא), מִיטְ'ן בֶּן מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט פַארְבִּיטְן אוּן פַארְטְרִיבְּן; אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, 'הֲיִתָּכֵן עֶר דַארְף אַנְטְלוֹיפְן, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ', עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט: "מִמָּה נַפְשָׁךְ קוּמְט מִיר נִישְׁט אַזַא שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן; בִּין אִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ - קוּמְט מִיר צוּ זַיין קֶענִיג, בִּין אִיךְ אַ בֶּן הַשִּׁפְחָה - קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט צוּ זַיין אַ פַארְטְרִיבֶּענֶער"; אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שִׁיכּוֹר'ן אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּץ פְּלֶעצֶער טוּן עֲבֵירוֹת, נָאכְדֶעם הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט **'אוֹיבּ עֶס אִיז יָא אַזוֹי, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען פַארְבַּייטְן אַ בֶּן מֶלֶךְ - מֶעג אִיךְ זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן, שִׁיכּוֹר'ן אוּן טוּן עֲבֵירוֹת?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אִיךְ זָאל טוּן עֲבֵירוֹת'**; עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ וֶוערְן מֶלֶךְ. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מְקַבֵּל אַלֶעס בְּאַהֲבָה, מֶען נֶעמְט אָן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט; אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז מֶען אַלֶעס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

לָאז אָפּ דִי אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ מְקוּבָּלִים; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: **וֶוער אִיז אַ בַּעַל מְקוּבָּל? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וֶוער עֶס אִיז אַ מְקוּבָּל? וֶוער זָאגְט אַז יֶענֶער אִיז אַ צַדִּיק, אֶפְשָׁר אִיז עֶר אַ בְּלָאפֶער?** מוֹהֲרָא"ש לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא: "מִנַּיִן אַתָּה יוֹדֵעַ", פוּן וִוי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיף אֵיינֶעם אוֹיבּ עֶר אִיז אַן אֱמֶת'ער בַּעַל מְקוּבָּל אָדֶער נִישְׁט? "אָמַר לָהֶם, אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: אוֹיבּ לֵייגְט עֶר אַרַיין אִין מִיר תְּפִילָּה, עֶר רֶעדְט פוּן תְּפִילָּה אוּן שְׁטַארְקְט מִיר צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, "יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל", דֶעמָאלְט וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ מְקוּבָּל, "וְאִם לָאו", אָבֶּער אוֹיבּ רֶעדְט עֶר נִישְׁט פוּן תְּפִילָּה, "יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְטֹרָף", וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ צֶעדְרֵייטֶער, אַ מְשׁוּגָע'נֶער, עֶר אִיז וַוייט פוּן זַיין אַ מְקוּבָּל; אַז מְקוּבָּלִים זָאגְן דִיר: **"דַיין טַאטֶע אִיז דִיר שׁוּלְדִיג, דַיין מַאמֶע אִיז דִיר שׁוּלְדִיג!" פַאר דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין אַ מְקוּבָּל**, וַוארְפְן אַ שׁוּלְד אוֹיף עֶלְטֶערְן - דָאס וֶועט דִיר יֶעדֶע טֶערֶעפִּיסְט זָאגְן מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן; זַיי זִיכֶער אַז דֶער

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ 'מְקוּבָּל' הָאט אוֹיךְ טַעֲנוֹת אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ דִי אַלֶע וָואס גִיסְן אוֹיל צוּ דִי פֵייעֶר, מֶען הֶעצְט דִיר אוֹיף, דֶער אִיז שׁוּלְדִיג, יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג; דָאס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

טוּ וָואס דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעטוּן, זָאג דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי עֶלְטֶערְן – אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אִיךְ זָאל זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וֶועל אָנְטוּן תְּפִילִין אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹות בְּשִׂמְחָה.

וַוארְף נִישְׁט אַוֶועק דַיינֶע הֵיילִיגֶע תְּפִילִין; נֶעם דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, גֵיי אִין שׁוּל אוּן גֶעבּ אַ קוּשׁ דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְ'ן שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "כִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בָּרוּךְ הוּא, אָסוּר לוֹמַר דִּבְרֵי הֲלָצוֹת אֲפִלּוּ בְּדֶרֶךְ שְׂחוֹק", אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין וֶוערְטְלֶעךְ.

**אַז דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו – וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב שְׁטֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פרישע אנטוויקלונגען איבער אומאן ראש השנה תשפ"ג

**קרעדיט: מו"ה אלי קנאלל הי"ו - פלען איט רייט 845-678-3555**

אונזער פריערדיגע באריכט פון "פלען איט רייט", איבער די פלענער פון די פליגערס אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה הבעל"ט, האט געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג ביים חשוב'ן ציבור אנשי שלומינו. עס זענען כסדר געווען ווענדונגען פון אנשי שלומינו וואס האבן געבעטן מיר זאלן לאזן וויסן וואס עס זענען געווארן פון די פלענער פונעם טשארטער, און אזוי אויך אלע אנדערע טיקעט אפציעס.

די חשובע טראוועל אגענטור "פלען איט רייט", לייגן אריין שווערע כוחות און פרובירן דאס בעסטע צוצושטעלן פאר אנשי שלומינו אז זיי זאלן קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, מיט די מערסטע מנוחת הנפש וואס מעגליך. יעצט ווען עס איז שוין דא פרישע באשטעטיגטע אפדעיטס, זענען מיר פרייליך זיי מיטצוטיילן מיטן ציבור.

צום ערשט דארפן מיר צו אונזער גרויס באדויער באריכטן, אז דער פלאן פונעם טשארטער דירעקט קיין ריישא און דערנאך פארן מיט'ן באן קיין אומאן איז אפגערופן געווארן. דאס איז צוליב דעם וואס די לופט ליניע איז נישט גרייט געווען צוריק צו געבן דאס געלט אין פאל ח"ו מען קען נישט פארן, א תנאי צו וואס "פלען איט רייט" האט זיך נישט געוואלט צושטעלן. אבער ברוך ה' אז עס זענען דא פילע אנדערע אפציעס וואס מען קען נעמען.

צום ערשט זענען דא די אינדיווידואלע טיקעטס:

פון פלען איט רייט קומט א שטארקע רעקאמענדאציע צו פארן ענדערש דורך פוילן. מען קען נעמען א פלייט קיין ווארשא (12 שעה ביז אומאן), קראקא (11 שעה) און ריישא (9.5 שעה).

דערנאך איז דא די עירפארט אין יאס, ראמעניע; דער וועג קיין אומאן נעמט 7.5 שעה (דורך ראמעניע, מאלדאווע, אוקריינא) דאס הייסט אז מען גייט אריבער צוויי גרעניצן, דער וועג וואס מיידט אויס מאלדאווע נעמט 10.5 שעה.

נאך אן אפציע (נישט רעקאמענדירט, צוליב דער נאכגעלאזטער מצב דארט) איז קישינוב, מאלדאווע. וואס נעמט 6.5 שעה ביז אומאן.

מען קען רופן אין אפיס פון "פלען איט רייט" פאר מער אינפארמאציע איבער די אינדיווידואלע טיקעטס וואס זענען ריפאנדעבל ביז צוויי טעג פאַרן פאָרן. אזוי אויך טוט "פלען איט רייט" שטארק רעקאמאנדירן פאר די וואס נעמען די אינדיווידואלע טיקעטס צו נעמען א טיקעט אהיים דאנערשטאג נאך ראש השנה.

די קומענדיגע אפציע זענען די גרופע טיקעטס, די מעלה פון די גרופע טיקעטס איז אז עס קומט שוין מיט קלארע פאראויס-באשטימטע פרייזן. קראקע, פוילן איז $925; ריישא, פוילן איז $1,365, נאכדעם קען מען נעמען א טיקעט וואס פארט אריין דורך יאס, ראמעניע, און צוריק פון קישינוב, מאלדאווע פאר $1,199.

פאר די גרופע טיקעטס דארף מען געבן א $350 דעפאזיט ביים באשטעלן, און ביז דרייסיג טעג פאר'ן ארויספליען דארף די גאנצע באלאנס שוין זיין אויסגעצאלט. עס איז רעפאנדעבל נאר ביז 30 טעג פאר'ן ארויספליען (אויסער $250 וואס בלייבט ביים עירליין). און דערנאך וועט מען גארנישט קענען ריפאנדן אפילו אין פאל מ'וועט ח"ו נישט קענען פארן.

די אלע וועגן וואס מיר האבן אויסגערעכנט אינעם באריכט ווי לאנג עס געדויערט דער וועג קיין אומאן איז עס נאר בערך, אויך רעכנט עס נישט אריין די צייט פוןווארטן ביים גרעניץ, אזוי אויך איז עס נאר אויב מען פארט מיט א "קאר", ווייל מיט א באס נעמט עס לענגער.

אין אנדערע נייעס איז געמאלדן געווארן איבער א זיצונג וואס איז פארגעקומען פארגאנגענע וואך אין מאלדאווא'ס הויפטשטאט קישינעוו, ארגאניזירט דורך אן ארטיגן רב, וואו עס צווישן אנדערע אויך אנוועזנד געווען דער דעפיוטי אמבאסאדאר פון אוקראינא צו מאלדאווא. דער אמבאסאדאר האט קלאר געשטעלט פאר די אנוועזענדע אז אוקריינע האט נישט אין פלאן צו שטערן אידן פון אהינגיין אויף ראש השנה און האט נישט קיין שום פאליסי טויש איבער אומאן, אזוי אויך האט ער פארשפראכן צו שטיין צו די הילף פאר חסידי ברסלב אלעס אנבאלאנגט די אמבאסאדע אין מאלדאווא.

ערליכע אידן און אודאי חסידי ברסלב ווייסן אז אלעס וואס מיר ווילן קענען מיר באקומען נאר דורך תפילה, און בפרט די נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, וואס דער סמ"ך מ"ם פארלייגט זיך פון אלע זייטן דאס צו שטערן, קען מען עס נאר איבערקומען דורך אסאך אסאך תפילה.

**בשם ה' נעשה ונצליח!**

***

# קול ברסלב - א בליק מיט די ברסלב'ע ברידער

א נייע גאר אינטערעסאנטע אפטיילונג איז געעפענט געווארן באריכטן אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין מיט'ן נאמען "א בליק מיט די ברסלב'ע ברידער".

<<<<<<

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישעי' איידליס** שליט"א
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שרגא שטראססער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שמעון פריעדלאנד** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **נחמן מימוני** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **נפתלי אפלדארפער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **אלי קנאלל** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון **ישראל** נ"י

***

החתן **משה זילבערמאן** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב


# חובות הרג'ט

**אין אנהויב זעט עס אויס אזוי אומשולדיג, אבער ווי נאר מען ווערט אריינגעדרייט אין חובות, הרג'ט עס דעם מענטש. ווי אזוי זעט מען זיך ארויס דערפון?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 55**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**